טַאטֶע אִיךְ וִויל בַּא דִיר פְרֶעגֶען פִיר קַשְׁיָא'ס

## מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת

וָואס אִיז אַנְדֶערשׁ דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח פוּן אַלֶע נֶעכט פוּן אַ גַאנְץ יָאר

דֶער עֶרשְׁטֶע קַשְׁיָא אִיז

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אֵין אָנוּ מַטְבִּילִין אֲפִילוּ פַּעַם אֶחָת, הַלַּיְלָה הַזֶּה שְׁתֵּי פְעָמִים**

אַלֶע נֶעכט פוּן אַ גַאנְץ יָאר טוּנקֶען מִיר נִישְׁט אַיין אַפִילוּ אֵיין מָאל אָבֶּער דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח טוּנקֶען מִיר אַיין צְוֵויי מָאל, אֵיין מָאל כַּרְפַּס אִין זַאלְץ וַואסֶער, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער מָאל מָרוֹר אִין חָרוֹסֶת

דֶער צְוֵוייטֶער קַשְׁיָא אִיז

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין חָמֵץ אוֹ מַצָּה, הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלּוֹ מַצָּה**

אַלֶע נֶעכט פוּן אַ גַאנְץ יָאר עֶסֶען מִיר סַיי חָמֵץ אוּן סַיי מַצָּה אָבֶּער דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח עֶסֶען מִיר נָאר מַצָּה

דֶער דְרִיטֶער קַשְׁיָא אִיז

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין שְׁאָר יְרָקוֹת, הַלַּיְלָה הַזֶּה מָרוֹר**

אַלֶע נֶעכט פוּן אַ גַאנְץ יָאר עֶסֶען מִיר אַלֶערלֵיי גְרִינסֶען אָבֶּער דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח עֶסֶען מִיר מָרוֹר

דֶער פֶערטֶע קַשְׁיָא אִיז

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין בֵּין יוֹשְׁבִין וּבֵין מְסֻבִּין, הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין**

אַלֶע נֶעכט פוּן אַ גַאנְץ יָאר עֶסֶען מִיר סַיי זִיצֶענדִיקֶער-הֵייט אוּן סַיי אָנְגֶעלֵיינטֶע-הֵייט אָבֶּער דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח עֶסֶען מִיר אַלֶע אָנְגֶעלֵיינטֶע-הֵייט

טַאטֶע אִיךְ הָאבּ בַּא דִיר גֶעפְרֶעגְט פִיר קַשְׁיָא'ס, יֶעצְט בִּיטֶע גֶעבּ מִיר אַן עֶנְטפֶער